בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת בלק

שנת תשפ"ב לפ"ק

נלקט משיעוריו של

הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א

רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

## לשמוע שיעורים

בארה״ב על מספר הרגיל של קול הלשון 1.718.521.5231

לחורש״י 3.1.1.5.8 - לגמרא 3.2.2.13 - לשו״ע 3.3.6.30

בארץ ישראל 073.321.1792

מען קען הערן די שיעורים אין אמעריקע

אויף א דירעקטע נאמבער דורכן רופן 646-934-6134

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון

**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת בלק

**בעזהשי"ת** ס'איז היינט א גרויסע יארצייט פון רבי הערשעלע זידיטשויבער זי"ע ועל כל ישראל, שטייט אז ווען מ'זאגט א מאמר פון א צדיק איז שפתותיו דובבות בקבר און ס'איז כאילו מ'איז ביים ציון הקדוש, די הייליגע רבי הערשעלע זידיטשויבער זאגט אזוי, ס'איז באקאנט אז ער איז געווען א שר בית הזוהר ער איז געווען באקאנט אין חכמת הקבלה, ער איז געווען פון די ריזן אין חכמה הקבלה בשעתו, און ער האט אונז איבערגעלאזט א גרויסע ירושה זיינע ספרים הקדושים, מ'קען דאס פארשטיין יעדער איינער לפי יכלתו.

**ער** זאגט אז ס'איז ידוע אז תפלה עושה מחצה (ויקרא רבה י-ה), וואס מיינט תפלה עושה מחצה, אז א מענטש וויל א געוויסע זאך, ער דארף שאפן פינעף טויזנט דולר, בעט ער פונעם איבערשטען געב מיך צען טויזנט דולר, אז ער בעט צען וועט ער באקומען פינעף, אז איינער האט גרעסערע השגות ער דארף א מיליאן זאל ער בעטן צוויי מיליאן, איז וועגן תפלה עושה מחצה דארף מען בעטן דאפלט.

**מיר** איז איינגעפאלן א געדאנק אז ביי אזא פאל וואס מ'קען נישט בעטן דאפלט, למשל ער בעט פאר כלל ישראל זאלן זיין אפגעהיטן פון די נסיונות, איז נישט שייך צו בעטן דאפלט, אבער מ'קען בעטן צוויי מאל איז תפלה עושה מחצה ווערט מען געהאלפן.

**אגב** תפלה עושה מחצה, מחצה איז א לשון פון א חץ אַ פאַל, א חץ קומט אן צו זיין ציל, מ'דארף וויסן אז מ'טאר זיך נישט מונע זיין פון בעטן, א איד דארף בעטן ווען ס'פאלט אים איין צו בעטן, ס'איז א האקעלע נושא די ענין פון תפלה, אונז האבן שוין אפאר מאל גערעדט אז די בעל שם טוב האט געזאגט אז תפלה איז אזוי ווי שכורות ולא מיין, מ'איז שיכור אבער נישט פון וויין, אזא בלבול המוחין, מ'דארף מתפלל זיין מ'זאל האבן ישוב הדעת, בלבל איז די אותיות לב לב, צוויי מאל איבערגעדרייט, מ'דארף וויסן אז

די שורש פון בלבול איז ווען מ׳גייט נישט מיט הארץ, אז מ׳איז זוכה צו וטהר לבנו לעבדך באמת ווערט א הרחבת הדעת, אבער מ׳טאר זיך נישט מונע זיין פון בעטן. אמאל פעלט אויס די תפלה נישט פאר דער וואס איז מתפלל נאר ס׳פעלט אויס מ׳זאל מתפלל זיין פאר א צווייטן.

**ווען** אויבן אין הימל דארף זיך שאפן א געוויסע תיקון, שיקט מען פאר א איד א חסרון אין די זאך, און ער בעט און אפילו ער ווערט נישט געהאלפן אויף וואס ער האט געבעטן, אבער די תפלה העלפט מתקן זיין די תיקון וואס פעלט זיך אויס, און דאס איז אויך תפלה עושה מחצה, ווייל אמאל קען זיין אז די תפלה האט נישט געהאלפן אויף וואס די מענטש האט געבעטן אבער ס׳האט געהאלפן פאר א אנדערע זאך וואס מ׳זעט אין הימל אז ס׳פעלט זיך אויס אויף דעם תפלה.

**ס׳קען** זיין אין סיי וועלכע ענין אז ס׳איז דא אין הימל א העדר אין די זאך, למשל אז אין הימל פעלט זיך אויס תפלה פאר די גאולה און ס׳איז דא א איד וואס איז מתפלל פאר א שידוך וואס איז מקרב די גאולה, איז די תפלה נוצט מען פאר די גאולה, מ׳דארף קענען דרייען די זאך, דרשו ה׳ ועוזו בקשו פניו תמיד, מ׳דארף וויסן וויאזוי צוצוגיין צום דאווענען, אז א מענטש הייבט אן דאווענען און ער פילט אז ס׳גייט נישט, ער פראבירט צו פילן א טעם און ס׳גייט נישט, דארף מען וויסן וויאוי צו דרייען די זאך, א דרוש קומט ארויס ווען מ׳דרייט ארויף און אראפ.

**מ׳דארף** וויסן אז דרשו ה׳ ועוזו, אז ס׳גייט נישט דאס דאווענען, די גמרא זאגט יש בגידין בנותן טעם, אז איינער פילט נישט קיין טעם אין דאווענען זאל ער טון פעולות צו דעם, ער זאל מחדש זיין א שיינע פשט אין די ווערטער פונעם דאווענען, דרשו ה׳ ועוזו, די שטארקייט פון דאווענען קומט ווען מ׳מאכט עס ווי א דרוש. אבער אז מ׳קען זיך אנענגען אין א צדיק ווי רבי הערשעלע זידטשויבער זי״ע איז זיכער אז ס׳איז בעסער, יעדע תפלה יעדע פעולה וואס מ׳טוט אז מ׳קען עס אנענגען אין א צדיק איז מען ממשיך די קדושה פון די צדיק.

**די** גמרא זאגט (ברכות כא.) הלואי שיתפלל אדם כל היום, בפשטות איז נישט שייך מ׳זאל דאווענען א גאנצע טאג, איז וועגן דעם זאגט די גמרא הלואי, איך האב געטראכט א שיינע רמז, הלואי איז די אותיות הלואה מיט נאך פינעף, ס׳איז געווען א מעשה מיט ר׳ אלעזר די זון פון ר׳ אלימלך מליזענסק, ער איז אמאל געפארן צו רבי פנחס קאריצער, און ער איז געזעצן אויבן אן, און אינמיטן טיש האט זיך ר׳ אלעזר זיך אנגערופן

אוי טאטע, האט רבי פנחס קאריצער געפרעגט וואס זיין כוונה איז, האט ער גארנישט געזאגט מפני כבוד רבו, ווען ער איז צוריק געקומען קיין ליזענסק האט אים די הייליגע ר׳ אלימלך געפרעגט, וואס האסטו געזען ביי רבי פנחס קאריצער, האט ער פארציילט די גאנצע מעשה, האט ר׳ אלימלך אים געזאגט האסט אים געדארפט זאגן שאל אביך ויגדך, מ׳בארגט זיך א טאטע, אז מ׳שפירט נישט קיין קרבת אלקים דארף מען זיך בארגן א קרבת אלקים אפילו מ׳פילט נישט גארנישט דארף מען זיך אנכאפן אין דעם.

**און** דאס איז פשט הלואי שיתפלל אדם כל היום, הלואי איז די אותיות הלואה מיט נאך פינעף, אז מ׳פילט אמאל אז ס׳דאוונט זיך נישט, דארף מען גיין מיט בחינת הלואה, וויאזוי קען מען זיך בארגן, מ׳טוט פעולות, מ׳טראכט פון א גוטע ניגון, איך האב אמאל געהערט פון א א הייניטיגע אז מ׳דארף קענען זיין א מחדש ביי עבודת השם, מ׳קען זינגען אהבה רבה מיט׳ן שבועות ניגון אינמיטן די יאר אין א וואכעדיגע טאג אויך, און די זעלבע איז ביים לערנען אז מ׳פילט נישט קיין טעם אין לערנען דארף מען טון פעולת דערצו מ׳זאל פילן א טעם.

**איז** הלואי איז די אותיות הלואה מיט נאך ה׳, ה׳ איז אתא קלילא דלית ביה משש״תא, דאס קומט מרמז זיין אז ביים דאווענען דארף מען זיך בארגן א ווארעמקייט און מ׳דארף טון פעולות דערצו אויף דעם איז מרמז די אות ה׳ וואס מיט דעם איז געווען שכלליה מ׳האט באשאפן די וועלט מיט די אות ה׳ די אתא קלילא.

**און** די אותיות הלואי איז גימטריא אם מיט נאך י״א, י״א איז די ראשי תיבות יש אומרים, אוןביידע זענען א לשון פון א ספק אם איז א ספק און יש אומרים איז א ספק, ס׳קומט מרמז זיין פאר א מענטש אז אפילו ער האט ספיקות אין תפלה, ער ווייסט נישט וואס צו בעטן וויאזוי צו בעטן, מ׳דארף אבער בעטן.

**הלואי** איז אויך בגימטריא נ״ב די אותיות בן, בן מיינט א תולדה א תוצאה, איינער וואס דאוונט זעט תוצאות איינער מער איינער ווייניגער אבער תוצאות זעט מען, ס׳פעלט אויס תפלה פאר די גאולה יעדע איז איז מחויב צו בעטן פאר די גאולה, אין הימל פעלט זיך אויס תפלה פאר די גאולה און יעדע תפלה וואס מ׳דאוונט מאכט נענטער די גאולה, קיינער קען נישט וויסן ס׳קען זיין אז זיין תפלה האט געברענגט די גאולה.

**וירא** בלק בן צפור, וירא איז די לשון פון הבנה, בלק איז א לשון פון קבל, אז איד וויל פארשטיין קבל, ווען ס׳וועט אנגענומען ווערן זיין

תפלה, בן, די תוצאה וועט זיין, צפור איז גימטריא שע"ו, דאס איז שעה א', אז א מענטש וויל פארשטיין וויאזוי וועט ער פוילן מיט תפלה, דארף ער וויסן אז ער קען געהאלפן ווערן אפילו אין איין שעה, ווען וועט זיין די צייט ווען דו וועסט פוילן מיט תפלה, ווען אלף, אלף איז אלופו של עולם, אמונה, אז א איד גלייבט באמת נאכן דאווענען אז זיין תפלה העלפט האט ער זיכער געפוילט, א איד קען בעטן אפילו איינמאל טאמער ס'איז געוועזן מיט אמונה האט ער געפוילט, ישועת ה' כהרף עין, אז מ'הערט אויף מהרהר זיין צו מ'האט יא געפוילט צו נישט געפוילט נאר מ'גלייבט באמונה שלימה אז ס'גייט געשען, געשענט עס, מ'זאל נאר נישט זאגן פאר'ן אייבערשטען א צייט ווען דאס דארף געשען, און נישט געבן פאר די אייבערשטער עצות וויאזוי דאס דארף געשען אז מ'האט אמונה אז דאס וואס מ'בעט גיין מקויים ווערן ווערט עס מקוים.